# דו זאָגסט

## אַבֿרהם סוצקעווער

דו זאָגסט: ניטאָ קיין בורא-עולם. ווייסט מסתּמא בעסער,
נאָר אויב אַזוי, קאָלעגע, איז דער וווּנדער, דאַכט זיך, גרעסער:
ניטאָ, און האָט באַשאַפֿן די ניטאָען און די דאָען,
בײַנאַנד מיט ליכט און שאָטן און קאָלירן פֿון שגעון.

באַשאַפֿן לעבן און באַשאַפֿן טויט אויף לאַנגע יאָרן,
מיר זאָלן בלויז אַן איינציק מאָל פֿאַרזוכן זײַנע קרײַטעכצער.
באַשאַפֿן קלאַנגען-פּערל אין דער מושל פֿון זכּרון
און וואָלקנדלעך מיט זייערע פֿאַרוואַנדלונגען און בײַטעכצער.

דו זאָגסט: אַ גורל נעמט מען אין די אייגענע ידים,
קאָלעגע, איך בין מסכּים אַז צו נעמען איז כּדאַי אים.
ווּ נעמט מען אים? און ווי אַזוי? דערצייל עס מײַנע פֿינגער,
דעם עופֿל-טורעם נעמען אויפֿן אַקסל איז דאָך גרינגער.

דײַן שאָטן האָט אַרײַנגעקערט, זעט אויס, אַ צעבער משקה,
נאָר כ׳מוז אַ סאָד פֿאַרטרויען אין זיך הוידענדיקע אויערן:
אַליין דעם גורל טראָגן איז בלויז פּעיִק אַ מוראַשקע,
דערהייבן זיך צו איר מדרגה דאַרף אונדז נאָך געדויערן.